# געוואַלד!!!

# מען עסט טריפה

## אַלס כשר!

מכתב משנת תש״ל.

בעה״י יום א׳ י״ט למבנ״י ה׳ תש״ל

למע״כ הרב היקר כו׳.......... שליט״א

בתשובה לשאלתו ע״ד עיר ואם בישראל אשר בעוה״ר אין שום השגחה על האטליזים ורבו הכשלונות כו׳ וזה כבר כמה שנים אשר יחידי סגולה צווחו בזה ולית דמשגיח בהו ועדיין לא נושענו כו׳ ונפשו בשאלתו עד כמה החיוב תוכחה במצב כזה ע״פ התורה. לענ״ד פשוט שהחיוב תוכחה במקומו עומד מכמה טעמים.

ה־א שאפילו אם באמת המצב לא יתוקן ח״ו לעולם, מ״מ הרי כבר אחז״ל בשבת דף נ״ה, שאמרה מדה״ד לפני הקב״ה אם לפניך גלוי לפניהם מי גלוי ע״ש נוראות דבריהם ז״ל הקדושים.

ה־ב אפילו אם אין הדברים נשמעין לכלל הציבור מ״מ אין ספק שעכ״פ הרבה מועיל לגבי יחידים משומרי התורה להזכירם על המצב למען דעת להזהר ולעמוד על נפשם.

ה־ג באמת ישראל קדושים ורוצים בתיקונא אלא נדמה להם שהדבר בלתי אפשרי ויש לקוות שבעה״ת סוף סוף יוסיפו להציל שולחנם של ישראל מנבילה וטריפה חלב ודם וגיד הנשה ולסדר טבחי דיהושפט.

ה־ד שאפילו היה ברור שהמצב לא יתוקן ח״ו כלל ע״י המחאות הי׳ ג״כ החיוב להרעיש ע״ז עכ״פ למען דעת כי תורתו של הקב״ה לא נעשית הפקר ח״ו וכי אית דינא ואית דיינא. השי״ת ירחם להציל נפשותינו משחת ולהשיב את הנדחת אחת לאחת לקבל תוכחה ושבה והיתה לקרי׳ נאמנה והיא כפורחת.

**הכו״ח בלב כואב ודואב על עלבונה של תורה הקדושה**

**המצפה לרחמי השי״ת ולגאולה שלמה במהרה בימינו אמן**

**יעקב ישראל קניבסקי**

# פארוואס אזא הפקרות אין גלאט כשר?

**די אמת'ע באדייטונג פון „גלאט כשר" וואס האט די גוטהייסונג פון אנערקענטע אויטאריטעטען און דער פאסאד פון גלאט־כשר פון מענשן וואס נוצען אויס דעם טערמין „גלאט", אן קיין פאראנטווארטליכער השגחה. — „גלאט" פליישען פון א טריפה'ער שלאכטהויז. — פאקטען און ציפערן וועגן דעם אונטערשייד צווישען אמת גלאט און גלאט בלויז אין נאמען אויף דער שילד.**

## פארוואס שוויגען אונזערע גרויסע רבנים און אונזערע גרויסע רבנישע ארגאניזאציעס!

ווען איר געהט אדורך א אידישע געגענד אין ניו יארק און קוקט זיך ארום אביסל אויף די שילדען וואס הענגען איבער א צאל פון די רעסטאראנען, בוטשער סטארס און קייטערינג־פלעצער, קען זיך אייך דוכטען אז ס'איז עפעס ארונטער א רוח ממרום און אידען זיינען געווארן גרויסע מדקדקים צו נוצען נאר און אויסשליסליך גלאט כשר'ע פליישען.

פון צענדליגער שילדן שרייט ארונטער דער „גלאט" מיט קידוש לבנה אותיות און מיט א צוגאב פון „למהדרין מן המהדרין ביותר".

און דער אמת איז אז ס'איז טאקע ניט בלויז „געדוכט זיך". ניין, ס'איז טאקע ברוך השם אויפגעקומען א דור אידען יראים ושלימים וואס ווילען מהדר זיין אין כשרות און פארלאנגען דווקא גלאט כשר'ע פראדוקטען. זיי ווילען זיך ניט פארלאזען סתם אויף א שילד „כשר". זיי ווילען זיין נזהר אז די כשרות איז טאקע הונדערט פראצענט פארלעסליך, און וואס קען נאך זיין מער פארלעסליך ווי „גלאט"?...

לײדער אבער הערשט אין א סך קרייזען א פארדאכט — און לײדער מער ווי א פארדאכט — אז דאס ווארט „גלאט" ווערט שטארק מיסברויכט דורך סוחרים וואס נוצען אויס די פאפולערי־טעט פון „גלאט", ניט קימערענדיג זיך צו מאכען זיכער צי די פליישען וואס זיי נעמען אריין זיינען טאקע גלאט און צי זיי זיינען ניט מכשיל די קונדהען זייערע וואס פארלאזען זיך אויפ'ן ווארט „גלאט" און אויף דער נאמנות פון א אידן וואס שטעלט ארויס די שילד „גלאט".

לעצטענס האט זיך שטארק גערעדט וועגן א שלאכט־הויז אין ניו דזשוירזי וואס האט געשפייזט צענדליגער טויזענטער אידישע היימען מיט כשר'ע קאלבס־פלייש. ס'איז אנטדעקט געווארן אז דער שוחט איז קיין שוחט ניט געווען און זיין חלף אין קיין חלף נישט געווען. די ניו יארק סטייט כשר קאנסומערס ביורא האט אנגעפאנגען אן אויס־פארשונג, ווייל ניו יארקער אידן זיינען געווען די מערסטע קאנסומערס פון דער באטרעפענדער שלאכט הויז.

ווייסט איר אז צווישן די קאנסומערס פון דער דאזיגער שלאכט הויז זיינען מעגליך אויך געווען פלעצער וואס אדווערטייזען זיך כראש כל חוצות אלס „גלאט כשר"?...

„טעכניש גלאט" איז דאס ניו דזשוירזי פלייש יא געווען, ווייל ביי קעלבער נעמט מען ניט קיין סירכות, אבער ס'איז געווען „גלאט טריף" און ניט ווי ס'איז פארקויפט געווארן פאר „גלאט כשר".

„גלאט כשר" איז א טערמין, וואס פארזיכערט כשרות מיט א הידור, גאראנטירט פון אויטארי־טעטיווע רבנישע קערפערשאפטען בראש פון וועלכע עס שטעהען פערזענליכקייטן וואס פארדינען דעם צוטרוי און האבען טאקע דעם טיפסטען צוטרוי פון פרומען צבור, אן אונטערשייד צי דאס איז א שחיטה וואס ווערט אנגע־פירט פון א חסידישער קהילה מיט א נאמען און אן אדרעס, ווי צום ביישפיל צעהלים, סאטמאר, ליובאוויטש אדער די וואשינג־טאן הייטס קהילה „עדת ישורון" וואס איז געגרינדעט געווארן פון הרב ברויער זצ"ל.

גלאט כשר מיינט א מהודר־דיגע כשרות, כשר אן דער מינד־סטער פגימהלע, אן דער מינדע־סטער סירכא'לע.

גלאט כשר מיינט ניט נאר אז די לונג פון דער בהמה איז אן א סירכא, נאר אויך אז דער שוחט און זיין שחיטה זיינען אן א סיר־כא אין מומחיות און אין יראת שמים, ווי עס פאדערט זיך ביי א שוחט ער זאל זיין א מומחה און א ירא ה' מרבים.

גלאט כשר מיינט אז דער בוטשער ביי וועמען איר קויפט די גלאטע פלייש איז א ירא שמים וואס וועט גיכער מוותר זיין אויף א פאר דאלאר ריווח איידער אפ־נארען אייך און זאגען אז די פלייש איז גלאט.

גלאט כשר מיינט אויך אז די פלייש איז ניט „אפגעגאסן", דאס הייסט אז אדער די פלייש איז נאך פריש, ערשט געשאכטען, אדער איז געווייקט און געזאלצן געווארן פאר דריי מעת לעת פון דער שחיטה.

היינט ווערען פארקויפט אלס „גלאט" אזעלכע פליישען וואס קומען פון דער וועסט און ווערן איינגעמיטען וועג „אפגעגאסן", שוין ניט אריינגעהענדיג ווי אזוי דאס אפגיסן ווערט דורכגעפירט. פאר־ראן א סך אידען אפילו ניט־גלאַ־טע וואס זיינען אפגעהיטן פון „אפגעגאסן" פלייש. היינט ווערן פארקויפט אלס „גלאט" אזעלכע פליישן וואס קומען פון א שחיטה מיט בלויז 2 פראצענט טריפה!... אפילו סתם כשר, ניט גלאט, פארלאנגט מער ווי 2 פראצענט טריפה, א כל שכן גלאט!... די אמת גלאטע שחיטות פון די אנערקענטע חסידישע ארגאני־זאציעס אדער הרב ברויערס קהילה ציינן כמעט 50 פראצענט איינפאל, דאס הייסט אז כמעט א העלפט פון די געשאכטענע בה־מות ווערען אויסבראקירט פון ווערען אנגענומען פאר „גלאט".

און ווער זיינען די רבנים מכ־שירים פון די אזוי גערופענע אנאנימע גלאטע פליישען?... ווער זיינען די בעלי בתים פון די רעסטאראנען, בוטשער סטארס און קייטערינג פלעצער וואס הענגען ארויס א שילד „גלאט"? האבען זיי א נאמנות?... האבען זיי א השגחה?... זיינען זיי שומרי מצוות?...

אין דרויסען הענגט א שילד מיט גרויסע קידוש לבנה אותיות „גלאט", סתם גלאט, אן א נאמען, אן א השגחה אויפ'ן פלאץ, אן א בעל אחריות און איינוויינינג זעהט איר אידן מיט בערד און פאות ווי זיי פאסמאקעווען זיך גלאט אזוי.

פארוואס איז דאס ווארט גלאט געווארן פארוואנדעלט אין א סינאנים מיט הפקרות?...

פארוואס זיינען אידען וואס זוכען „גלאט" יוצא כלפי זייער געוויסן, שוין ניט רעדנדיג כלפי דער תורה, מיט בלויז אנקוקען די אותיות „גלאט"?...

פארוואס שווייגען אונזערע גרויסע רבנים און אונזערע גרויסע רבנישע ארגאניזאציעס?

(דער אויפרוף איז געשריבען פון א רב וועמען עס ארט דער ענין „גלאט כשר").

אלגעמיינער זשורנאל
פרייטאג, יאנואר 15, 1982

## מען עסט טריפה